א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת פקודי

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### צוריק באקומען דעם משכן איז אנגעהאנגען אין תפילה

"אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת" (לח כא)

רש"י ערקלערט אז די תורה האט געשריבן צוויי מאל 'המשכן משכן' כדי מרמז צו זיין אויפן בית המקדש וואס איז צוויי מאל פאר'משכנ'ט געווארן, סיי דער בית ראשון און סיי דער בית שני, וועגן די עבירות פון די אידן.

פרעגט **רבי יהושע פון אויסטרובא**: וויאזוי האט דער אויבישטער פאר'משכנ'ט די בית המקדש וועגן אונזערע זינד, אונזער גאנצע לעבן איז אנגעהאנגען אין דעם, און עס שטייט דאך (לעיל כד ו) "לֹא יַחֲבֹל רֵחַיִם וָרָכֶב כִּי נֶפֶשׁ הוּא חֹבֵל" און פון דעם לערנט מען ארויס אז דער פארבארגער טאר נישט נעמען א משכון אזעלעכע זאכן וואס אין דעם איז אנגעהאנגען 'אוכל נפש' (ראה רש"י שם)?

נאר, אויב וואלטן מיר געפילט אז אונזער לעבן און קיין בית המקדש איז נישט קיין לעבן, וואלט דער אויבישטער זיך צוגעאיילט צוריק געבן דעם משכון, אבער אין די צייט וואס אונזערע בקשות אויף די גאולה שלימה קומען נישט ארויס פון טיפן הארץ, און אן צופילן ריכטיג וואס עס פעלט אונז, ממילא האלט זיך אויף די גאולה.

ווי מער מיר וועלן שפירן און פילן אז עס פעלט אונז און מיר וועלן דאווענען פון טיפן הארץ אז ער זאל שוין צוריק קומען רועהן אין ירושלים, אזוי וועט דער אויבישטער רחמנות האבן אויף אונז און צואיילן צוריק געבן דעם משכון וואס ער האט אוועק גענומען צוליב אונזערע זינד.

'תולדות אדם'

### א תפילה אין די וואוינונג פון די צדיקים

"אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת אֲשֶׁר פֻּקַּד עַל פִּי מֹשֶׁה" (לח כא)

דער גאון **רבי יהודה אסאד** ברענגט אין זיין ספר **'דברי מהרי"א'** אין אונזער פרשה, אין נאמען פון מדרש: משה רבינו ע"ה האט געפרעגט דעם אויבערשטן, אויב דער בית המקדש וועט חרוב ווערן ווי וועט רוהען די שכינה? האט ער אים געזאגט: אויף די ל"ו צדיקים.

לויט דעם טייטש דער מהרי"א בדרך רמז: 'אלה' - איז בגימטריה ל"ו, ד.מ.: אויף ל"ו צדיקים וועט רוהען די שכינה אין די צייט וואס עס וועט זיין 'פקודי המשכן משכן העדות' - ווען עס וועט חלילה פעלן די משכן העדות ביים חורבן בית המקדש.

ענליך צו דעם שטייט אין **'דרשות הר"ן'** (הדרוש השמיני): "עס איז נישט קיין ספק אז עס איז ראוי אז מיר זאלן גלייבן, אז אזוי ווי אין די צייט וואס דער בית המקדש איז געשטאנען, איז פון דארט נשפע געווארן די נבואה און די חכמה, אז פון דארט איז געקומען די שפע צו אלע אידן, אזוי אויך אין יעדן דור קומט אראפ די שפע צו די נביאים און די חכמים, וואס זיי אליין זענען ווי דער בית המקדש".

און אזוי האט דערציילט הרב יוסף בוקסבוים זצ"ל, דער גרינדער פון 'מכון ירושלים': נאך מיין חתונה האב איך געוואוינט אין די הויז וואס האט געהערט צו מיינע עלטערן און דארט האט אויך געוואוינט דער טשעבינער רב זצ"ל. אין יאר תשכ"ו, א קורצע צייט נאך זיין פטירה, האב איך באמערקט ווי דער צדיק רבי אריה לעווין זצ"ל שטייט ביים ארייננגאנג פון אונזער הויז מיט א תהלים אין זיין האנט און ער ווארפט זיך פון געוויין.

ווען איך האב אים געפרעגט וואס איז דאס, האט ער מיר ערקלער: איינער פון מיינע באקאנטע איז זייער קראנק, האב איך געזוכט א פלאץ וואו דארט וועל איך קענען אויסגיסן מיין הארץ ביים דאווענען, און וויבאלד דעמאלטס האבן די אידן נישט געהאט קיין צוטריט צום כותל המערבי, האב איך באשלאסן אז דא, נאנט צו דעם גרויסן שטוב וואו פון דארט איז ארויסגעקומען אזויפיל תורה און הוראה פאר כלל ישראל און דא האבן די צובראכענע הערצער און באדערפטיגע געטראפן א טרייסט - איז דא די מערסטע פאסיג צו דאווענען.

'חשוקי חמד' בכורות ה א

### די מאה ברכות זענען צו שטארקן די אמונה

וְאֵת אַדְנֵי הַפָּרֹכֶת מְאַת אֲדָנִים (לח כז)

דער **'בעל הטורים'** זאגט: אקעגן די הונדערט [אדנים] שוועלן וואס איז געווען אין משכן, האבן די חכמים מתקן צו זאגן די מאה ברכות יעדן טאג, און א רמז אויף דעם טרעפן מיר אין די פסוק (שה"ש ה טו): "מְיֻסָּדִים **עַל** אַדְנֵי פָז", 'על' איז בגימטריה הונדערט.

לייגט צו דער 'חידושי הרי"ם': די ווארט 'אדן' איז א רמז אויף א ברכה וואס איר ציל איז אריין ברענגען אין אונזערע הערצער די וויכטיגע ידיעה אז דער אויבישטער איז דער 'אדון הכל', דער האר אויף אלעס, און אזוי ווי די שוועלן האבן אוועק געשטעלט און געשטארקט די משכן, אזוי אויך פארשטארקן די מאה ברכות די ריינע אמונה.

'אמרי הרי"ם'

### אינזין האבן ביים דאווענען כאשר צוה ה'

"וַיַּעֲשׂוּ אֶת בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ אֲשֶׁר לְאַהֲרֹן כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה" (לט א)

חז"ל זאגן (ירושלמי ברכות ד ג) אז די 'שמונה עשרה' האבן די אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען אקעגן די אכצן מאל וואס די תורה דערמאנט ביי די מלאכת המשכן "כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה".

> ### די עבודה פון מייחד זיין
>
> "עֲבֹדַת הַלְוִיִּם" (לח כא)
>
> 'הלוים' איז בגימטריה צ"א וויפיל עס איז די גימטריה 'אמן', און מ'קען זאגן אז דורך די לוים וואס האבן געטוהן זייער עבודה אין בית המקדש איז געטוהן געווארן די יחוד אין די שמות הקדושים, ענליך צו די יחוד וואס ווערט דורך ענטפערן 'אמן' וואס איז בגימטריה הוי"ה און אדנ"י.
>
> 'בת עין' פר' פקודי

ערקלערט דער מגיד **רבי ראובן קארעלענשטיין** זצ"ל: אויף בצלאל, וואס די בוי ארבעט פון די משכן איז איבער געגעבן געווארן צו אים, זאגן חז"ל (ברכות נה א) אז ער האט געקענט צוזאם שטעלן די אותיות וואס די הימל מיט די ערד זענען באשאפן געווארן דורך זיי, ד.מ. אלע סודות התורה האט ער געוואוסט. אויב אזוי, איז מסתבר צו זאגן אז בצלאל האט אויך געקענט אליין וויסן וואו אוועק שטעלן יעדע ברעט און יעדע כלי.

אויב אזוי וואלט ער דאך געקענט האבן א אייגענע מיינונג אין יעדע ענין ביים בויען דעם משכן, אבער די תורה זאגט אונז אכצן מאל אז אלעס האט ער געטוהן נאר 'כאשר צוה ה' את משה', אן ארייננמישן זיין מיינונג.

לויט דעם קענען מיר פארשטיין די פארבינדונג צו שמונה עשרה; ביים דאווענען בעהטן מיר פארשידענע בקשות אויף אלע אונזערע געברויכן, אבער מיר דארפן זיך לערנען פון בצלאל אז ביי אלע אונזערע בקשות דארפן מיר אוועק קוקן פון אונזערע געברויכן, און אינזין האבן נאר וועגן כבוד שמים, כדי מיר זאלן קענען דינען דעם אויבערשטן ווי עס דארף צו זיין.

'יחי ראובן'

### השראת השכינה אויך אין די געווענליכע לעבן

"וַיְבָרֶךְ אֹתָם מֹשֶׁה" (לט מג)

רש"י ערקלערט: ער האט זיי געוואונטשן "יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם".

משה רבינו האט געוואונטשן כלל ישראל אז זיי זאלן זוכה זיין צו השראת השכינה נישט נאר שבתים און ימים טובים, נאר אויך אינמיטן וואך, ווען מ'איז פארנומען מיט די ארבעט.

און אויף דעם בעהטן מיר ביי די תפילות פון יום טוב: "והשיאנו ה' אלוקינו את ברכת מועדיך לחיים..." ד.מ. אויך ווען מיר זעצן פאר די געווענליכע לעבנ'ס שטייגער זאל נמשך ווערן אויף אונז די השפעה פון די ימים טובים.

'כרם הצבי'

### די תפילה פון רבי נחוניה

וַיִּתֵּן אֶת הַשֻּׁלְחָן בְּאֹהֶל מוֹעֵד עַל יֶרֶךְ הַמִּשְׁכָּן צָפֹנָה... וַיָּשֶׂם אֶת הַמְּנֹרָה... עַל יֶרֶךְ הַמִּשְׁכָּן נֶגְבָּה" (מ כב;כד)

די גמרא זאגט (ב"ב כה ב) אין נאמען פון רבי יצחק: "הרוצה שיחכים ידרים [ד.מ. דער וואס וויל קלוג ווערן זאל ביים דאווענען אויסדרייען זיין פנים אויף די דרום זייט (רש"י)] והרוצה שיעשיר יצפין [און דער וואס וויל רייך ווערן זאל אויסדרייען זיין פנים אויף די צפון זייט], און דער סימן דערויף איז: שלחן בצפון [שולחן איז א רמז אויף פרנסה איז געווען אין צפון] ומנורה בדרום [און די מנורה וואס איז מרמז אויף חכמה איז געווען אין דרום]".

מיט דעם ערקלערט דער גאון **רבי דוד הכהן שיף** זצ"ל אב"ד לאנדאן דעם לשון פון די משנה אין ברכות (כח ב): "רבי נחוניה בן הקנה האט געדאוונט א קורצע תפילה ווען ער איז אריין אין בית המדרש און ווען ער איז ארויס. האבן זיי אים געפרעגט: **'מה מקום לתפלה זו**, ד.מ. וואס איז די באדייט פון די תפילה?' האט ער זיי געזאגט: 'ווען איך גיי אריין דאוון איך אז עס זאל נישט ארויסקומען דורך מיר א שטרויכל, און ווען איך גיי ארויס לויב איך דעם אויבערשטן אויף מיין חלק'", לכאורה קען מען מדקדק זיין וואס איז די טייטש: **'מה מקום לתפילה זו'**; זיי וואלטן געדארפט פרעגן: 'וואס איז די טעם פון די צוויי תפילות?'

ערקלערט ער: די חברים פון רבי נחוניה האבן געזעהן אז בייביידע תפילות וואס ער האט געדאוונט, ארייננגייענדיג און ארויסגייענדיג, האט ער אויסגעדרייט זיין פנים אויף דרום, דעריבער האבן זיי אים געפרעגט: **מה מקום לתפילה זו**? ריכטיג טאקע אז ווען דו גייסט אריין אין שוהל דארפסטו זיך אויסדרייען אויף די דרום זייט, ווייל דו דאוונסט דאך זוכה זיין צו חכמה, אבער ווען דו גייסט ארויס צו דיינע געשעפטן וואלסטו דאך דאך געדארפט דאווענען אויף די צפון זייט כדי דו זלאסט רייך ווערן.

האט רבי נחוניה זיי געענטפערט: אויך ווען איך גיי ארויס דאוון איך אויף חכמה און נישט אויף די הצלחה אין די געשעפטן, ווייל דעמאלטס דאנק איך דעם אויבערשטן אויף דעם וואס דער אויבישטער האט מיר געהאלפן צו זיין פון די וואס לערנען תורה.

'לשון זהב' - הקדמת המו"ל


## א מעשה רב פונעם בעל הלבושים

דעם קומענדיגן זונטאג הבעל"ט געפאלט די יארצייט פון הגה"ק

**רבי מרדכי יפה זצ"ל דער בעל ה'לבושים'** (נפ' ג' אדר ב' ה"א שע"ב)

**עס איז ברייט באקאנט די מעשה וואס האט פאסירט מיט אים אין די צייט וואס ער האט געלערנט מיטן דעם 'חכם אבוהב', ווען בשוגג האט ער נישט געענטפערט אמן נאך א ברכה פון א קליין יונגל, און דער אויבנדערמאנטער חכם האט אים אריין געלייגט אין א 'חרם', כדי אים צו מציל זיין פון א עונש פון טויט רח"ל, און ער האט נישט אראפגענומען פון אים די חרם ביז ער האט זיך אונטערגענומען צו דרש'ענען אין יעדע פלאץ, און אויסלערנען זיינע קינדער די חשיבות פון ענטפערן אמן און דעם גרויסן שטראף פון דער וואס גיט נישט אכטונג אויף דעם.**

די מעשה ווערט געברענגט באריכות אין די הקדמה פון זיין ספר 'לבוש התכלת', און אין ענדע שטייט:

"וועגן דעם, זאל יעדער ערליכער איד ליינען די מעשה איינמאל אין א חודש, און איבער זאגן פאר די הויזגעזונד דעם גרויסן שטראף פון דער וואס ענטפערט נישט קיין אמן..."



אויך איך זאג די ברכות השחר בחברותא

# תענה אמונים

## א בליק לויטן סדר פון דאווענען

## די ברכות מַתִּיר אֲסוּרִים - רוֹקַע הָאָרֶץ עַל הַמָּיִם

ווען מיר זענען איינגעזינקען אינעם שלאף, אלע אונזערע גלידער, פון די מוח ביז צו די פינגער פון די פוס, זענען ווי געבינדן מיט שטריק און זיך צו קענען רירן.

אינדערפריה, ווען מיר וועקן זיך אויף פון די שלאף זענען מיר אזוי ווי מיר גייען ארויס פון ארעסט. די צייט איז פאר אונז א געלעגנהייט אריינטראכטן אין די טובה וואס השי"ת האט מיט אונז געטוהן ווען ער האט אונז געגעבן די מעגליכקייט צו רירן אונזערע גלידער ווען מיר ווילן. אויב מיר וועלן אריינטראכטן וועלן מיר זעהן אז עס זענען פארהאן אסאך מענטשן וואס צו אונזער ווייטאג האבן זיי נישט די מעגליכקייט, און אויך ווען זיי שטייען אויף פון זייער שלאף בלייבן זיי ווי צוגעבינדן און זיך צו קענען רירן.

די ברכה פון 'מתיר אסורים' זאגן מיר כדי מיר זאלן קענען לויבן און דאנקען דעם באשעפער אויף דעם, אזוי דער בעל **ספר חסידים** האט באפוילן (סי' קנה): "ווען דו עפנסט דיינע אויגן זאלסטו אריינטראכטן... וויאזוי איינער וואס גייט ארויס פון ארעסט הויז דארף לויבן דעם אויבערשטן, און עס איז נישט פארהאן קיין גרעסערער ארעסטאנט ווי דער וואס שלאפט, איז וועגן דעם דארפסטו לויבן דעם אויבערשטן אויף דעם וואס דו האסט נישט פריער געהאט קיין מעגליכקייט און דו האסט נישט געקענט געוועלטיגן אויף דיין קערפער. און לויב דעם אויבערשטן אויף יעדע גליד וואס ביז יעצט איז עס געווען ווי צוגעבינדן און יעצט האט ער עס געעפענט דו זאלסט זיך קענען באנוצן מיט זיי לויט דיין אייגענע ווילן".

נאך שרייבן די מפרשים אז די באדייט פון די ווארט 'אסורים' נעמט אריין אין זיך נישט נאר די אלע וואס געפינען זיך א ארעסט הויז, נאר אויך יעדער וואס האט עפעס אזאך וואס שטערט אים אין זיין טעגליכן לעבן. דעריבער דארפן מיר לויבן ביי די ברכה אויך אויף דעם וואס אין יעדן דור העלפט אונז דער אויבישטער כאטש מיר זענען צוגעבינדן מיט די שטריק פון די גלות, דאך קענען מיר זיך האלטן אקעגן די אלע שוועריקייטן (רד"ק תהלים קמו ז, סידור יעב"ץ), און אויך די אלע וואס דער אויבישטער נעמט זיי ארויס פון די ענגשאפט וואס זיי האבן זיך געפינען ('תורת אמת' - שבת זכור תרכ"ח).

נאך שרייבט דער **יעב"ץ** אין זיין סידור אז עס איז ראוי אינזין האבן ביי די ברכה צו בעהטן: "יהי רצון דו זאלסט עפענען מיין ארעסט פונעם יצר הרע, און זאלסט אפטוהן מיין טומאה", און דא איז די פאסיגע פלאץ צו דערמאנען דעם באקאנטן ליד פון רבי יהודה הלוי: "עבדי הזמן עבדי עבדים הם, עבד ה' הוא לבד חפשי, על כן בבקש כל אנוש חלקו, חלקי ה' אמרה נפשי".

### זוֹקֵף כְּפוּפִים

אין אנהויב חומש בראשית (א כו) ליינען מיר אויף דעם וואס בעפאר דער מענטש איז באשאפן געווארן האט דער אויבישטער געזאגט פאר די מלאכים: "נַעֲשֶׂה אָדָם בְּצַלְמֵנוּ כִּדְמוּתֵנוּ", און טאקע אזוי, דער מענטש איז אנדערש פון אנדערע בעלי חיים, מיט דעם וואס ער גייט מיט א אויפגעהויבענע קאפ אנדערשט פון די אנדערע בעלי חיים וואס גייען איינגעבויגן אויף פיר. די סיבה אויף דעם איז ווייל דער מענטש האט א נשמה וואס איר פלאץ איז אונטער די כיסא הכבוד, וועגן דעם גלוסט זי שטענדיג אויף הויבן איר קערפער וואס אלץ זיין נאטור בייגט ער זיך צו די ערד וואו פון דארט האט מען אים באשאפן, ווייל די נאטור פון יעדע זאך צו ציעהן צו זיין אפשטאם ('ספר הישר' לר"ת פ"א).

נאך שרייבט דער מהר"ל (דרך חיים, אבות ג יד; באר הגולה הבאר השישי) אז די באדייט 'צלם אלוקים' איז אויך אין זיך אויך א כוונה אין דעם ענין, און אזוי שרייבט ער: "דער מענטש איז באשאפן געווארן מיט א אויפגעהויבענע קאפ, און נישט אזוי ווי די אנדערע בעלי חיים וואס גייען איינגעבויגן. ווייל דער וואס גייט איינגעבויגן ווייזט אז ער האט העכער זיך א האר, און וועגן דעם גייט ער איינגעבויגן אזוי ווי א קנעכט וואס גייט איינגעבויגן פאר זיין האר. אבער דער אויבישטער האט נישט קיינעם העכער זיך, וועגן דעם דער מענטש וואס גייט מיט א אויפגעהויבענע קאפ שטייט אויף אים אז ער איז 'בצלם אלוקים'".

ווען דער מענטש שטייט אויף זיינע פוס ווייזט ער אז די נשמה וואס איז אין זיין מוח טוהט געוועלטיגן אויף זיין קערפער, און נישט חלילה פארקערט, און דאס איז א סימן אויף זיין שלימות ('סוד ישרים' לרח"ה מראדזין, ב' דפסח אות יח).

אויף דעם גרויסן חסד וואס דער אויבישטער האט אונז דערהויבן מער פון די אנדערע בעלי חיים און האט אונז באשאפן מיט א אויפגעהויבענע קאפ כדי מיר זאלן שטענדיג גלוסטן זיך צו דערהייבן אין רוחניות, און כדי די הייליגע נשמה זאל געוועלטיגן אויף אונזער קערפער און נישט פארקערט, לויבן מיר אין די ברכה 'זוקף כפופים' (ראה 'יפה ללב' סי' מו אות י, בשם 'דרשות מהרימ"ט').

לייגט צו הרה"ק פון פיאסעצנא: ביים זאגן די ברכה 'זוקף כפופים' איז פאסיג מ'זאל צולייגן א בקשה אין הארץ: 'רבונו של עולם, איך בין איינגעבויגן, סיי אין ענינים פון די קערפער, סיי אין ענינים פון די זעהל, אונטער די עול פון די גשמיות און די סטרא אחרא, דו דער זוקף כפופים - גראד מיר אויס און שטעל מיך אויף! ('דרך המלך' פר' בשלח).

### רוֹקַע הָאָרֶץ עַל הַמָּיִם

די ערד אויף וואס מיר געפינען זיך שטייט אינגאנצן אויף די וואסער, אזוי ווי עס שטייט אין תהלים (כד ב): "כִּי הוּא עַל יַמִּים יְסָדָהּ וְעַל נְהָרוֹת יְכוֹנְנֶהָ", נאך זאגן די חז"ל (מדרש תהלים צג): "די ערד איז אויסגעשפרייט העכער די וואסער ווי א שִׁיף וואס שְׁווימט אינמִיטן ים".

לוט די נאטור, וואלט די ערד פון די וועלט געדארפט איינזינקען אין די וואסער אלץ איר וואג, און אוודאי אז עס טראגט אויף זיך א שווערע לאסט פון מיליארדן מענטשן, און שווערע הייזער און נאך.

דער אויבישטער מיט זיין גרויס רחמנות האט געטוהן מיט אונז א 'נס בתוך נס', און כאטש ער האט ארום גענומען די וועלט מיט די וואסער וואס פעלן זיך אויס אויף דעם עקזיסטענץ פון די וועלט און אלע אירע באשעפענישן, האט ער באפוילן אויף די וואסער זיי זאלן זיך צוזאם נעמען אין איין פלאץ און זיי זאלן קיינמאל נישט פארדעקן די ערד מיט אירע איינוואוינער (אבודרהם).

מיר דארפן איינערקענען און שפירן די אלע זאכן וואס דער באשעפער טוהט, ער האלט אונטער די וועלט יעדע מינוט אויף אזא וואונדערליכן וועג, און ער שטעלט איר אוועק אויף איר פונקטליכן פלאץ זי זאל זיך נישט רירן קיין האר נישט. און זי טראגט אויף זיך אלע מענטשן און אלע הויכע הייזער, און פון דעסוועגן ווערט זי נישט דערטראנקען און זי ריקט נישט אוועק פון איר פלאץ. ווייל לויט די נאטור פון די וואסער וואס דער אויבישטער האט אוועק געשטעלט איז אז עס מאכט צוגיין און צוברעקלט די שטיקלעך וואס מ'לייגט אריין אין דעם, איבערהויפט אויב מ'וועט ארייגלייגן שטיקער זאמד אין וואסער וועט עס צוגיין און עס וועט ווערן וואסער, און די ערד שטייט אויף די וואסער און ארום איר איז דא וואסער, און פון דעסוועגן שטייט עס מיט א שטארקייט אזוי ווי ס'איז די רצון ד' ('עולת תמיד').

### דער משל פונעם צייכענער

עס איז באקאנט דער משל אויף דעם וואונדערליכער צייכענער וואס האט אריינגעלייגט זייער אסאך כוחות אין צייכענען א פערד, אבער וויבאלד די בילד האט אויסגעזעהן אינגאנצן אויטענטיש האט קיינער נישט געקוקט אויף זיין ריכטונג. ווען ער האט זיך אפגערעדט אויף דעם פאר א קלוגן מענטש, האט אים יענער געראטן ער זאל צושניידן דעם בילד אויף צוויי טיילן. ער איז איבערראשט געווארן פון די געדאנק אבער ער האט געטוהן אזוי ווי יענער האט אים געהייסן, און טאקע אזוי, צו זיין גרויסן וואונדער האבן די קאמפלימענטן אנגעהויבן צו שטראמען... ווייל ווען די בילד איז געווען גאנץ האט עס אויסגעזעהן ווי א לעבעדיגע פערד וואס קיינער ווערט נישט פון דעם איבערגענומען, אבער אין די מינוט וואס די דורכגייער האבן באמערקט א האלבע פערד, האט עס געצויגן זייער אויפמערקזאמקייט.

אויך אונז, אמאל זעהט אונז אויס אז דאס וואס מיר גייען אויף די גראדע ערד איז א פשוט'ע און א פארשטענדליכע זאך, אבער ווען מיר הערן חלילה איבער א ערד ציטערניש אדער איבער א ווואלקאן-בארג וואס האט געפלאצט, פארשטייען מיר ווי ווייט מיר זענען אנגעוויזן אויף ניסים כדי מיר זאלן קענען ווייטער שטיין אויף א גראדע ערד, און דעמאלטס וועלן מיר זיכער קענען לויבן דעם באשעפער פון טיפן הארץ.

# מעשה אמונים

## א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## די נס ההצלה אין 'בית חורון'

די ערציילונג פון די וואונדערליכער נס וואס איז פאר אונז, האט געשיקט צו די מערכת 'בני אמונים', א טייערער איד, א איינוואוינער פונעם שטעטל 'בית חורון' וואס איז אין מזרח בנימין, א שטילע און רוהיגע שטעטל וואס איז באקאנט געווארן אין די העדליין אין די לעצטע וואכן נאך די אכזריות'דיגע טעראר אטאקע ווען בלוט דארשטיגע טעראריסטן זענען דארטן אריין און גע'הרג'עט איינס פון אירע איינוואוינער'נס הי"ד.

**נישט אסאך ווייסן, אבער האפענע ניסים האבן פאסירט דארטן יענעם טאג, אויף דעם ליינט אין די ערציילונג:**

אין דעם טאג ט"ו בשבט פירט מען זיך איבעראל צו עסן פירות פון די שבעת המינים און אויך אנדערע פירות וואס עס וואקסן בשפע אין לאנד.

אויך אינעם קינדער-גארטן אין דעם שטעטל 'בית חורון' איז מען געווען געוואוינט צו פארצייכענען יעדעס יאר דעם טאג ט"ו בשבט מיט עסן אסאך סארטן פירות, פארשטעלונגען און האנט-ארבעט, וואס זענען אנגעפירט געווארן דורך די איבערגעגעבענע לערערנ'ס.

דאס יאר האט עפעס פאסירט. איינע פון די לערערנ'ס האט פארגעשלאגן, א עצה פון איר חבר'טע, א נייע געדאנק: אנשטאט די פארשטעלונגען און די האנט-ארבעט, וועט מען פשוט אנגרייטן א 'סעודת אמנים' פאר אלע קינדער אינעם קינדער-גארטן, אזוי וועלן מיר פארדינען אז אויסער מקיים זיין די מנהג פון עסן פירות, וועלן מיר ארייינברענגען אין די יונגע קינדער פולע האפענ'ס אמונה, און צוזאמען מיט דעם וועלן מיר זאמלען הונדערטער זכותים און הייליגע מלאכים וואס וועלן מליץ יושר זיין אויף די איינוואוינער פון דעם שטעטל און אויף דאס גאנצע אידישע פאלק.

אין די טעג בעפאר ט"ו בשבט האבן די לערערנ'ס אויסגענוצט די צייט אויסלערנען פאר די קליינע קינדער איבער די מצוה פון ענטפערן אמן. זיי האבן ערקלערט פאר די קינדער מיט איינפאכע ווערטער אז דאס ענטפערן 'אמן' איז משלים די ברכה, און אז פון יעדע אמן ווערט באשאפן א הייליגע מלאך.

אזוי אויך האבן די לערערנ'ס געזאגט פאר די קינדער וואס חז"ל זאגן איבער די מעלה פון ענטפערן אמן, און דעם וואונדערליכן שכר פאר דעם וואס גיט אכטונג אויף דעם: "פותחין לו שערי גן עדן".

ווען עס איז אנגעקומען דעם ערווארטעטן טאג זענען שוין די קינדער גרייט געווען צו מקיים זיין די מצוה, און צו די באשטימטע צייט האבן זיך צוזאם גענומען אלע קינדער צוזאמען צו די 'סעודת אמנים' וואס איז געווען צוגעגרייט כיד המלך. אין לויף פון די סעודה האבן די קינדער געזאגט מיט שמחה די ברכות אויף אלע סארטן פרוכט וואס מ'האט זיי דערלאנגט, און יעדער האט געענטפערט אויף די אנדערע 'אמן' הויעך און מיט כוונה.

א קורצע צייט דערויף האט זיך שוין אנגעזעהן אז די הייליגע מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון די אמן'ס וואס זענען ארויס געקומען פון די ריינע מיילער פון ארום זעכציג קינדער שלא טעמו טעם חטא, איז בייגעשטאנען פארן גאנצן שטעטל, און אין די ריכטיגע צייט האבן זיי באשיצט מיט זייערע פליגלען אויף די איינוואוינער.

*

אין 16:30 נאכמיטאג זענען שוין די לעצטע קינדער שוין אויך אהיים גליקליך און צופרידן, אויף די מעגליכקייט וואס זיי האבן היינט געהאט, צו ענטפערן אסאך אמן'ס.

ווייל די וועטער-זעהער'ס האבן אנגעזאגט אויף א שניי וואס וועט זיך אראפ לאזן אין די נאנטע טעג, האבן עטליכע עלטערן וואס האבן גענומען זייערע קינדער פונעם קינדער-גארטן צוגעאיילט צוגיין צום גראסערי וואס איז נאנט צום קינדער-גארטן, כדי איינצוקויפן געוויסע פראדוקטן בעפאר די שניי קומט אן.

די צייט איז 16:45, ווען די קינדער מיט זייערע עלטערן דרייען זיך צווישן די אנגעפאקטע פאליצע'ס, האבן צוויי אראבער אויסגענוצט דעם שטורעמישן וועטער וואס האט געהערטש יענעם טאג, און אויפגעשניטן דעם צוים ארום דעם שטעטל ווען זיי האבן מיט זיך אסאך פארשידענע כלי משחית, פון אויסגעשארפטע מעסער'ס ביז צו קליינע אויפרייס מאטריאל, און מיט א צארן פון רציחה האבן זיי זיך דערנענטערט צו די ריכטונג פון די קינדער-גארטן און דעם דערנעבענדיגן גראסערי.

אויפן וועגן איז זיי געלונגען צו הרג'ענען א יונגע פרוי וואס זיי האבן אנגעטראפן אויפן וועג, הי"ד, און באלד פארגעזעצט זייער וועג צו זייער הויפט ציל - די גראסערי, דארט האבן זיי פלאנירט צו דורכפירן זייער בייזוויליגע כוונה.

א סקונדע בעפאר זיי האבן געוואלט אריינגיין אין דעם גראסערי איז ארויס א עלטערע פרוי ווען אירע הענט זענען פול מיט זעקלעך. די ווילדע חיות האבן איר געשטאכן מיט מעסערס, אבער אויף א וואונדערליכן וועג איז איר געלונגען צובלוטיגטערהייט אנטלויפן פון אונטער זייערע הענט און ארייינשפרינגען אין א אויטא וואס איז פונקט אדורך געפארן און איר דרייווער האט אויפגעכאפט וואס עס גייט דא פאר. זי איז אנטלאפן פון זיי נישט בעפאר ווען די טעראריסטן האבן געווארפן צו איר ריכטונג אויפרייס מאטריאל, וואס האט אויפגעשאסן די פענסטער פון די אויטא אבער אויף א וואונדערליכער וועג האט זיך די גלאז נישט צופיצלט.

עס איז אינטערסאנט צו דערציילן אז די פרוי איז געווען נישט קיין אנדערע פון איינס פון די לערערנ'ס וואס האט אויך אנגעפירט די 'סעודת האמנים' אין יענעם אינדערפריה. זי האט געפילט וויאזוי די מלאכים פון די אמן האבן איר ארום גענומען און זיי האבן איר באשיצט פון יעדן שלעכט'ס.

די טעראריסטן האבן צוגעאיילט זייער פוס טריט צום ריכטונג פון די גראסערי וואס איז פול געווען מיט קליענטען, קינדער און זייערע עלטערן, אין אנהויב האבן זיי געווארפן צו איר ריכטונג אויפרייס מאטריאל, וואס אויף א וואונדערליכן וועג און מיט חסדי שמים האבן זיי זיך נישט אויפגעפלאצט, און דערנאך האבן זיי פראבירט אריינגיין אינעם גראסערי, אבער דעמאלטס האט זיי דער געשעפטסמאן אוועק געשטיפט מיט א פשוט'ע וועגעלע - א נס פאר זיך אליין.

אויך ווען דער סעקיורעטי-גארד פון דעם שטעטל איז אנגעקומען כדי צו הרג'ענען די טעראריסטן, האבן זיי פראבירט אים צו הרג'ענען מיט די אלע כלי משחית וואס זיי האבן געהאט ביי זיך, אבער עס איז זיי נישט געלונגען און זיי זענען געפאלן טויט ווען זיי וואלגערן זיך אין זייער בלוט.

מיר ווילן זיך נישט איינרעדן אז מיר פארשטייען די טיפע כוונות פון דעם באשעפער, אבער מיר קענען זיך נישט פארהוילן פון די השגחה עליונה וואס מיר האבן געזעהן מיט אונזערע אויגן, וואס האט צוגעפירט אז די 'סעודת האמנים' וואס האט אין זיך אזויפיל סגולות זאל פארקומען פונקט אין דעם טאג וואס די טעראריסטן האבן געוואלט שעדיגן ווי מער איינוואוינער פון דעם שטעטל, און דורך איז אנגעקומען דער וואונדערליכער ישועה.

**"יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם"!**

דעם ספעציעלן בריוו ענדיגט דער שרייבער, א איינוואוינער אין 'בית חורון' מיט א פשוט'ע רוף צו כלל ישראל: טייערע ברודער! יעדן טאג האבן ענק ביי אייך אין שטוב א געלעגנהייט זוכה צו זיין צו א וואונדערליכער אפהיטונג און א שיצונג דורכ'ן מקפיד זיין צו ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה: סיי אויף די וואונדערליכע ברכות השחר וואס מיט זיי הייבן מיר אן אונזער טאג, און סיי ביי די פול ברכות הנהנין וואס נעמען אונז ארום פיר און צוואנציג שעה אין א טאג. מיר וועלן זאגן אונזערע ברכות הויעך און מיר וועלן מזכה זיין די ארומיגע מיט ענטפערן אמן, און מיט דעם וועלן פארמערט ווערן אסאך ווייסע מלאכים וואס וועלן אויף אונז באשיצן פון יעדן שלעכט'ס, אמן.

עיצובים shay